איר האט א געלעגנהייט צו פארדינען א אומגלויבליכע פראצענט אויף אייער געלט.
100% פארלעסליך.
פאר מעהר אינפארמאציע רופט
718-344-6290
אדער אי-מעיל צו
Samuel@cannescapital.com

בעל בית
Balboos.com
פרשת בא תשע"ב
Jan. 23, '12

Click Here
OtzarStock BETA
Stock Photos
Hebrew Fonts
The Only Source for Jewish Graphic Designers
Hebron
Girls in a playground
Jerusalem view
Donuts
Mountain landscape
Yeshiva hall

מיר מוטיגן צו כאפן א בליק דורכאויס די וואך אויף די קאמענטארן, אין הנאה האבן פון די לעבעדיגע אקטיוויטעטן און שמועסן איבער טעמעס וועלכע ווערן דערמאנט אינעם בעל-בית.
הויפט בלאט (די לינק צו איטליכע ארטיקל, ווערט אנגעגעבן אונטער יעדע ארטיקל באזונדער).
ווי אויך אין די פארומס ווי עס ווערן אויסגעשמועסט אינטערעסאנטע און באלערנדע נושאים, א טייל ברענגען מיר אראפ אין דעת בעל בית

דעת בעל-בית

בריוו

ווי אזוי צו האנדלען מיט ווערייזאן

איך וויל צולייגן בנוגע ווערייזן וואס איינער רעדט זיך אפ וועגן זייער סערוויס.

וואס איך האב מיר שוין אויסגעלערנט מיט זיי איז "קיינמאל נישט אויפגעבן".

למשל ווען זיי געבן מיר אן אפוינטמענט פאר צוויי וואכן ארום, וועל איך תיכף צוריק קאלן כאילו לא הי', און בעטן אן אפוינטמענט אויף פריער, און אזוי איינמאל נאכאמאל, מיט אלע סארטן תירוצים פארוואס עס איז וויכטיג, ביז איך קום אן צו איינעם וואס הערט מיר אויס און גיט מיר וואס איך וויל, בדוק ומנוסה

ווייל דער אמת, זיי קענען אלעס טון פאר דיר ווען זיי ווילן, און די מעלה איז אז איינער האט נישט קיין שייכות צום צווייטן, קיינער ווייסט נישט וואס דער אנדערער האט דיר געזאגט, ממילא קען מען האלטן אין איין אריינקאלן ביז מען פירט אויס.

איך האב געמופט אין ווילואמסבורג פון אין געגענט צום צווייטן איך האב געבעטן איך וויל האבן דעם זעלבן טעלעפאן נומער, דער ענטפער איז געווען אז עס איז נישט מעגליך, זיי האבן מיר טאקע געגעבן א צווייטן נומער.

איך האב מיך נישט מייאש געווען, איך האב אפאר טעג געהאלטן אין איין רופן און יעדע מאל געפרעגט תמ'וואס אויב איך קען האבן מיין אלטע נומער, ביז איינער האט מיר גענטפערט "פארוואס נישט"? ביז א טאג צוויי האב איך געהאט צוריק מיין אלטע נומער.

מעשיות האב איך אסאך מיט זיי, יכלו הזמן והם לא יכלו, אבער דאס איז דער עיקר וועג מיט זיי.

אסאך הצלחה..

(-)

קאמענטארן אויף " א בליק אויף די חרד'ישע טעלעפאן אינדוסטריע – 3"

איך האב שוין די לעצטע צוויי חדשים פינקטליך די זעלבע פראבלעם און עד היום האב איך נישט קיין טעלעפאן און מיין סעלפאון האט מיר געקאסט $180 מער ווי נארמאל ווייל איך בין איבער געגאנגען מיניטן... יעצט האט די אידישע

קאמענטארן

פירמע שוין אויפגעגעבן און מיט גרויס חוצפה האבען זיי געזאגט אז זיי קענען מער נישט העלפן און די דארפסט נעמען טעלעפאן סערוויס פון ווערייזן אבער זיי נישט באזארגט זיי האבען מיר ארויסגענומען געלט פון מיין אקאונט אפי' איך האב נישט גענוצט קיין טעלעפאן דע חודש…

(*)

זייער אינטערעסאנט, איך וואלט געטוישט די נעמען און אנשטאט די פריוואטע פירמע ארייננגעלייגט די נאמען "ווערייזאן", איך האב מיט זיי מיטגעמאכט זייער אן ענליך דורכגאנג ביז איך האב גערופן פאבליק סערוויס קאמישאן און דער פראבלעם איז דעם נעקסטן טאג געווארן באהאנדלט.

מעגליך אז דו האנדלסט מיט אן אומפראפעסיאנעלן פירמע, אדער איך וואלט אויב ליבערש געזאגט צו אנאליזירן אז זיי זענען געגאנגען אז דאס איז א ווערייזאן פראבלעם, צומאל האבן זיי ליב צו באהאנדלען די קונדן פון אנדערע פירמעס ווי "צווייטע קלאס", דאס קענען זיי אבער נאר טון ביי די פירמעס וואס לאזן זיך דאך פון זיי..

איך האב געהאט סערוויס ביי יין פירמע, און דערנאך ביי "טעלזעק" און מיינע פראבלעמען זענען געלעזט געווארן שנעלער ווי א געוועהנליכער ווערייזאן קאסטומער!

(*)

http://www.balboos.com/content/?p=3146

אונטערגעהערט אויף די פארומס

ווירזשין מאביל דאטא, איז מער נישט אנלימיטעד - ביליגסטע פריפעיד פלענס

ביז יעצט האט ווירזשין מאביל געהאט אנלימיטעד דעטע פלענס. איך האב אלץ געטראכט וויאזוי זיי קענען געבן אנלימיטעד אין די צייט וואס ווערייזאן און טי מאביל געבן נישט.

היינט האבן זיי געמאלדן אז נאך 2.5 גיגאבייט א חודש וועט מען ווערן געקנסעט מיט א שטייטע קאנעקשאן פון 256 קילאבייטס ביז סוף חודש.

אלע גוטע זאכן ענדיגן זיך אמאל....

יעצט וועל מיר זען ווען ספרינט וועט אויך אויפגעבן אנלימיטעד, און דאס וועט זיין דער סוף פון אנלימיטעד (ווייערלעס) דעטע אין אמעריקא.

ביזדערוויל אדווערטייזט ספרינט זייער שטארק די פאקט אז זיי זענען די איינציגסטע וואס געבן אנלימיטעד, אבער יודעי דבר זאגן אז זיי מעלקן עס ווילאנג זיי קענען, בקרוב וועלן זיי עס אויך מוזן אויפהערן.

שאלה: וואס איז די ביליגסטע (פריפעיד) פלאן חוץ ווירזשין מאביל?

ענטפער: טי מאביל האט א "פריפעיד" פלאן פון דרייסיג דאלאר פאר הונדערט מינוט מיט 5 גיגאבייט 4G ספיד און דערנאך ווערט עס שטייטער.

איך איז דא רעפובליק ווייערלעס וואס איז אנלימיטעד און נוצט ווייפיי נעטווארקס ווען אוועליבעל. גוגל עס פאר מער אינפארמאציע.

איך איז דא מעטראו פי סי עס, אנלימיטעד פאר פערציג מיט 2G דאטא, און 3 און 4G דאטא פאר טייערער.

http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=300

רעדאקציע: מיר ווילן אנמערקן אויף נאך טעליכע אינטערעסאנטע שמועסן וואס זענען פארגעקומען אנליין, נאר מיר קענען נישט אלעס אראפברענגען.

אט זענען טעליכע לינקס.

זוכט: הלוואה פאר א ביזנעס
http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=302

נייעס: איבער די SOPA געזעץ
http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=299

דעבאטע: פארוואס זענען די פארומס שוואכער ווי געווען.
http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=301

נעמט א טייל אין די דיסקוסיע. שיקט אריין בריוו צו mail@balboos.com, אדער קליקט דא


2012 STIMULUS PLAN
We the People can stop them!
Learn how by reading THE INFLATION DECEPTION
Call 866-575-5638 for a FREE COPY ($20 value)
SWISS AMERICA
THE GOLD STANDARD

7

סטיון זשאבס

גרינדער און הויפט עקזעקיוטיוו פון עפל אינק.

המשך - די מעק

תיכף נאכן ארויסזען ראסקין פון די מעק פראזשעקט, האט זיך זשאבס אריינגעווארפן דערין מיט א אייפער, ער האט דא געזען א געלעגנהייט פון נאכאמאל אויפקומען מיט א פרישע רעוואלוציאנערישע פראדוקט און טויש די וועלט. ווי אויך איז ער געטריבן געווארן פון א פערזענליכע געפיל צו "ווייזן" פאר די עפל פירערשאפט -וועלכע האבן אים באזייטיגט פון די "ליסא" גרופע- אז ער קען אהערשטעלן א בעסערע פראדוקט פון די ליסא.

די ערשטע זאך האט ער אנגעהויבן צו זוכן פרישע געלונגענע מענטשן אריינצונעמען אין די מעק פראזשעקט. זשאבס האט געזוכט בלויז די סאמע בעסטע, ער האט גאנץ קנאפ רעספעקטירט געווענליכע מענטשן מיט דורכשניטליכע כשרונות.

א גלענצנדע קאמפיוטער אינזשעניר וואס האט דאן געארבעט אין די עפל 2 אפטיילונג, מיטן נאמען ענדי הערצפעלד, דערציילט,

"מיר האבן אלע מורא געהאט פון סטיוו זשאבס, צוליב זיינע פייערדיגע ספאנטאנישע איסברוכן און זיין נאטור צו זאגן פאר א מענטש אין פנים אריין פונקטליך וואס ער האלט פון אים, וואס איז אפטמאל געווען זייער נעגאטיוו".

איין טאג איז סטיוו ערשינען ביי זיין טישל, "ביזט עפעס ווערט?" האט סטיוו געפרעגט אין די מינוט וואס ער איז אריינגעקומען, "מיר ווילן נאר זייער געלונגענע מענטשן צו ארבעטן אויפן מעק, און איך בין נישט זיכער צו דו ביזט גענוג גוט". הערצפעלד האט געענפערט "יא, איך האלט אז איך בין זייער גוט". זשאבס איז אוועקגעגאנגען אן ארויסזאגן א ווארט.

שפעטער אין טאג האט זיך זשאבס נאכאמאל באוויזן און פייערליך געמאלדן "איך האב גוטע נייעס פאר דיר, די ארבעטסט יעצט אין די מעק גרופע, קום מיט מיר". הערצפעלד האט געענפערט אז ער ברויך נאך עטליכע טעג צו פארענדיגן די ארבעט וואס ער האלט יעצט אינמיטן, זשאבס האט אנגעהויבן צו פארלירן דאס געדולד, "וואס איז מער וויכטיג ווי ארבעטן אויף די מעקינטאש?" האט ער געפרעגט. הערצפעלד האט מסביר געווען אז ער האלט אינמיטן ארבעטן אויף א DOS פראגראם פאר די עפל 2, און קיינער קען עס נישט איבערנעמען אויפן יעצטיגן מצב, דערפאר ברויך ער עטליכע טעג עס צו ברענגען אין א צושטאנד אז א צווייטער זאל עס קענען ווייטער איבערנעמען. זשאבס איז געווארן צוקאכט " דו ברענגסט סתם אן צייט מיט דעם, די עפל 2 וועט סייווי זיין טויט ביז עטליכע יאר, די מעק איז די עתיד פון עפל, דו דארפסט אנהייבן זאפארט". און דערביי האט זשאבס האסטיג געגעבן א צי ארויס די דראנט פון הערצפעלד'ס קאמפיוטער, און די קאוד אויף וואס ער האט געארבעט עטליכע שעה איז פארשווינדן. דאן האט אים זשאבס פערזענליך צוגעפירט מיט זיין אויטא צו די געביידע ווי די מעק גרופע איז געווען פלאצירט.

זשאבס האט דאן אנטוויקעלט א אינטערעסאנטע פראבע ביים אויפנעמען א נייע ארבעטער, צו אנאליזירן אויב זיי זענען גענוג פאסיג צו ווערן אריינגענומען אין די מעק גרופע. ער האט אריינגענומען דעם פאטענציעלן קאנדידאט אין א שטוב ווי עס האט זיך געפונען א מאדעל פון די מעק קאמפיוטער איבערגעדעקט מיט א ליילעך, און דראמאטיש שטייטעליך אויפגעהויבן דעם צודעק ביז דער מעק האט זיך באוויזן. בשעת מעשה האט ער באטראכט דעם קאנדידאטס געזיכט אויסדריקן, צו זיין פנים ווערט אויפגעלאכטן מיט ענטוזיאזם און וואונדער. אויב יענער האט תיכף געכאפט דאס מייזל און אנגעהויבן צו קליקען אויף די אייקאנס, איז זיין קאריערע אין די מעק גרופע געווען פארזיכערט. ער האט געוואלט מענטשן וואס זענען ענטוזיאסטיש דערוועגן, וואס האבן א געפיל דערצו, נישט אזעלכע וואס זענען בלויז דא כדי צו פארדינען אפאר דאלער.

> ער האט געוואלט מענטשן וואס זענען ענטוזיאסטיש דערוועגן, וואס האבן א געפיל דערצו, נישט אזעלכע וואס זענען בלויז דא כדי צו פארדינען אפאר דאלער

אין דעם פארזוך צו ערגרייכן די סאמע בעסטע מחות פאר די מעק, האט זשאבס דאן אפילו געטראכט פון אריינברענגען סטיוו וואזניעק אין די מעק גרופע. הגם עס האט געהערשט דאן א שטיקל רוגזה צווישן זיי, צוליב דעם וואס זשאבס האט געהאלטן אז וואזניעק ארבעט נישט גענוג.

זע אויך ארטיקל פון ה. פוקס "דער מעק קאמפיוטער" מער איבער די עפל פירמע און די מעק. ערשינען אין בעל בית זשורנאל. עקסלוסיוו פאר מעמבערס.

האט אבער זשאבס זיך געבראכן און געטראכט אז וואזניעק מיט זיין בריליאנטענע מח וועט קענען פיל צוגעבן צו די מעק. אבער פונקט איז דאן וואזניעק געווען פארמישט אין א שווערע עראפלאן עקסידענט. וואזניעק האט איבערגעלעבט אבער האט געליטן א צייט דערנאך פון מח פראבלעמען, ווען ער איז גענצליך ערהוילט געווארן האט ער מחליט געווען אפצולאזן עפל און צוריקגיין אין אוניווערזיטעט. אזוי ארום האט וואזניעק קיינמאל נישט געארבעט אויף די מעק.

די מעק ווערט מיט רעכט באטראכט אלץ אויסשליסליכע יצירה פון זשאבס. ער האט עס איינגאנצן וואוקעגעפירט פון די וויזיע פון איר ארגינעלע גרינדער, זשעף ראסקין. די איינציגסטע זאך אין די מעק וואס קען נישט ווערן פארשריבן צו זיין קרעדיט איז די נאמען גופא, נעמליך, "מעקינטאש" -אדער "מעק" אין קורצן- וואס שטאמט פון ראסקין, ווי מיר האבן שוין געשריבן פריער.

זשאבס האט באשלאסן צו טוישן די נאמען אויך. איין שיינעם טאג איז ער ערשינען אין די מעקינטאש ביוראען אין ערקלערט אז די פראזשעקט וועט ווערן אנגערופן "ביציקל" צוליב עפעס א געדאנק וואס ער האט געהאט אז די קאמפיוטער איז ווי א ביציקל פאר די מענטשליכע מח. די אנדערע ארבעטער האבן געהאלטן אז דאס איז די מערסטע נארישע זאך וואס זיי האבן סיי ווען געהערט, און האבן אים פשוט איגנארירט. ביז א חודש איז די גאנצע זאך פארגעסן געווארן. די נאמען מעק איז געבליבן ביזן היינטיגן טאג.

פארזעצונג קומט אי"ה

פריערדיגע חלקים פון די סעריע:
- סטיוו זשאבס 1 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 2 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 3 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 4 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 5 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 6 (מעמבערס)

דיסקוסירט אנליין

OPEN TILL LATE
Printout
▸ Print technology in action
• 829 BEDFORD AVENUE • BROOKLYN, NY 11205 • 718-855-4040 • JOBS@PRINTOUTCOPY.COM

yes, the internet can be dangerous, but it doesn't have to be!
WEBCHAVER
EMPOWERING FAMILIES AND INDIVIDUALS WORLDWIDE
We are not a filter. We do not block websites. Instead we monitor the sites you visit and send a weekly summarized report to a partner you choose. With WebChaver it is as if your friend (family member, or mentor) is beside you each time you go online, encouraging you to make the right choices.
Only $3.95/ month!
Sign up today! Visit us at www.webchaver.org

FREE Home Security System!
$850 Value!*
ADT AUTHORIZED DEALER
Protect Your Home
Call Today, Protect Tomorrow!
1-877-217-4262
* With $99 Customer Installation charge and purchase of alarm monitoring services.

עצה טובה

ווען עס קומט צו סעלעקטן מערערע פיילס און פאלדערס אויף אמאל, קען עס זיין א אפקומעניש אויב זיי זענען נישט איינס נעבן די צווייטע.

מען קען נוצן די "קאנטראל" און "שיפט" קנעפלעך, אבער נישט יעדער גלייך צו נוצן די קיבאורד שארטקאטס.

א בעסערע וועג, און קיין קיבאורד שארטקאטס, איז צו ערמעגליכן די ווינדאוס באקוועמליכקייט "טשעק באקס" אפציע פאר אלע פיילס און פאלדערס.



טייפ אריין אין די סערטש באקס folder Options



גיי צו די view טאב

מאַרק א טשעק ביי Use check boxes to select items דריק OK.

די טשעק באקסעס וועלן ערשיינען ווען די מייז איז העכער סיי וועלכע פייל אדער פאלדער.



עס וועט אויך זיין א טשעקבאקס אויבן צו סעלעקטן אלע פיילס אויפאמאל, מען קען דרוקן די—סעלעקטן וועלכע מען וויל.

עס וועט אויך ארבעטן מיט די דעסקטאפ אייקאנס, ווען די מייז איז העכער דעם.

דיסקוסירט אנליין

ווערט ארויסגעשיקט צו טויזנטער אימעיל אדרעסן. און די ליסטע פארגרעסערט זיך כסדר.
ספעציעל אויסגעארבעט פאר'ן ביזנעסמאן אנצוהייבן די וואך מיט זאכליכע תוכן וואס זענען אים דירעקט נוגע.
רעזולטאטן זענען פיל שנעלער ווי פאפירענע אויסגאבעס וועלכע ווערן נישט געהעריג דורכגעבליקט דורך מערסטנס ביזנעסלייט.
טוט די ריכטיגע שריט פאר אייער ביזנעס, רופט שוין
new number 347-469-1885
or mail to: mail@balboos.com
Introductory rate sheet
יגיע כפיך כי תאכל
balboos
אדווערטייזט אין בעל-בית
און צילט דירעקט צו אייער קליענטעל

ביזנעס מיט חכמה

זייט צוגרייט!

דורך: יואל קליין | אימידיעט מארקעטינג ענד ביזנעס קאנסאלטינג

איידער איר גייט אריין צו אייער נעקסטער מיטונג, לוינט זיך פאר אייך אריבערצולייענען די פאלגענדע נקודות כדי אז די פארזאמלונג זאל פארן ווי עס דארף צו זיין און אויפטוהן אלעס וואס איר ווילט ערלעדיגן.

גרייט אייך צו צום פולסטן

שרייבט קלאר אראפ פון פריער וואס איר ווילט דערלאנגען ביי דעם אסיפה. אבער שטעלט אייך נישט אפ דא. מאכט זיכער אז די צימער וואו די פארזאמלונג קומט פאר איז אויף פולשטענדיגע גרייט, ביז צו די הייצונג אדער עיר-קאנדישענער און איבערבייס.

האלט פאר-מיטונג מיטונגען

ווען איר פלאנט זיך צו טרעפן מיט פילע מענטשן, טרעפט אייך ערשט מיט די וואס קענען אייך העלפן אויספלאנירן דעם גרעסערן מיטונג.

גרייט אייך פאר די אריינהאקערס

טראכט פון פאראויס ווי איר וועט פארענטפערן די וואס האקן אייך אריין בשעת איר לייגט אראפ אייערע פלענער. איר קענט זאגן עפעס ווי, "זייער א גוטע ארויסברענגונג. עס איז א זייער וויכטיגע פונקט. לאמיר ענדיגן דאס וואס מיר דיסקוסירן יעצט און דערנאך וועט מען אריבערגיין צו דאס וואס איר ברענגט ארויף."

באלוינט די פלייסיגע ארבעטער

טראכט פון פאראויס ווי איר וועט באלוינען ברבים די וואס וועלן זיך געפינען ביי דעם פארזאמלונג און ארבעטן שווער פאר אייך. איר קענט קויפן קליינע געשענקן אדער צוגרייטן קארטלעך. דאס וועט זיכער געבן חשק און ווייטער און מאטיווירן די אנדערע צו נאכגיין אין זייערע פוסטריט.

יואל קליין איז א באריאמטע היימישע ביזנעס קאנסאלטענט, מיט איבער 10 יאר עקספיריענס.

דיסקוסירט אנליין

Find out how a Reverse Mortgage can help YOU.
Call NOW for your FREE DVD & Brochure!
1-866-439-6448

digital Photo Manipulation and Retouching
▶ Confidential
▶ Professional
email: retouching1@aol.com

asm Services
We upgrade your financial Books bringing it to a high level!

אדווערטייזן?
מיר האבן קאנטאקט מיט "אלע" היימישע איסגאבעס און פובליקאציעס
347 300 9722

בית הכתיבה קומט אראפ צו אייך אין אפיס. פיקט אויף די תפלין און בודק די זיין.
און ברענגט צוריק די זעלבע טאג!
דוב זיידה - סופר סת"ם
718.399.2753

Limited time offer
Your AD here for just $25!
ask for details
mail@balboos.com

מקרב לב אנו מברכים ברכת מזל טוב חמה לידידנו וידיד כל בית ישראל
הר"ר נחום ארנשטיין נ"י
לרגל הולדת בנו למז"ט
יתן השם רק שמחה עושר ואושר בביתו וצדקתו עומדת לעד
המברכים
מערכת בעל בית

ABC check printing
new number
Tel: 718-880-5594
Web: www.abccheckprinting.com
300 Business Cheks for only $18.99
Fast and Easy Ordering
CLICK HERE

אנליין מסחר

אפיליעט מארקעטינג - 7
פון: נ. ארנשטיין
yiddishgelt.com

וויאזוי צו טרעפן א פאסיגע מארקעט

אינעם פריערדיגן לעקציע האבן מיר גערעדט וויאזוי צו מאכן ריסוירטש איבער "אינטערנעט מארקעטינג". מיר האבן גערעדט פון דריי פלעצער וואו מ'קען געוואויר ווערן וואס מענטשן זוכן און לויט דעם צושטעלן א פראדוקט אדער סערוויס.

אין דעם יעצטיגן לעקציע וועלן מיר אייך געבן 6 וועגן וויאזוי צו טרעפן א פאסיגע מארקעט. אויב וועט איר קוקן אויף די פאלגנדע 6 פרטים, קענט איר זיין זיכער בעז"ה אז איר וועט זעהן שיינע רווחים.

1) ווי אפט טראכטן מענטשן דערפון? איז עס א זאך וואס לאזט נישט מענטשן שלאפן ביינאכט? איז עס א זאך וואס מענטשן טראכטן דערפון די ערשטע זאך אינדערפרי?

2) וויאזוי שפירן מענטשן וועגן דעם? איז עס א זאך וואס מאכט מענטשן שפירן דערשראקן? אויב יא, מסתמא טראכטן זיי דערפון אסאך.

3) רעדן מענטשן אסאך פון דעם פראבלעם? אויב זעהסטו אז די אינטערנעט פארומס זענען פול מיט דעם טעמע, קענסטו מסתמא מאכן אסאך געלט דערפון.

4) וויפיל דארף קאסטן אייער סערוויס? פרובירט צו מארקעטן א זאך וואס דארף נישט קאסטן צופיל פאר'ן מענטש, כדי ער זאל זיך שנעלער צוכאפן דערצו.

5) וואספארא קאמפעטישאן איז דא? זענען דא אסאך אנדערע מענטשן וואס שטופן דעם זעלבן פראדוקט אדער סערוויס? איז עס א גאנגבארע אייטעם ביי מענטשן?

6) וואספארא קאסטומערס זוכט איר? וועלכע סארט מענטשן גייען קויפן אייער פראדוקט? וועלכע אראגנג? פון וועלכע שטאט/לאנד? און וועלן זיי קויפן פון אייך?

די זאכן זענען זייער פשוט, אבער ס'איז וויכטיג צו געדענקען. אויב טרעפט איר א מארקעט וואס איר טראכט אז ס'קען זיין גוט פאר אייך, דארפט איר קודם קוקן צי איר קומט נאך אלע אדער רוב פון די 6 פארשריפטן. אויב יא, דאן זענט איר אין ביזנעס.

LOW COST LAPTOP REPAIR!
Industry leading low cost laptop repair for consumers & corporate accounts
Fast repair of all laptops – parts and labor – only $79.
Backed by the strongest warranty in the industry.
Free virus removal & tune up with repair
Same low price for MACS
$49 extra repair charge if motherboard, hard drive or screen have to be replaced.
ANY LAPTOP REPAIR $79 Includes FREE Fedex shipping, both ways.
It's pricing like this that's made AUTHORIZED LAPTOP REPAIR the leader in affordable laptop service.
ONE CALL DOES IT ALL! 877-241-6976

איר דארפט אבער געדענקען אז ס'איז אסאך גרינגער זיך אריינצולייגן אין א מארקעט וואס עמיצער האט שוין איבערגעטראכט. אסאך סוקסעספולע מארקעטס זענען היינט אין ביזנעס וויבאלד זיי האבן געמאכט זיכער אז זיי קומען נאך די 6 פארשריפטן, און זיי האבן שוין געמאכט די ארבעט פאר אייך. איר דארפט אייך נישט איבערשטרענגען צו פרובירן אויפצוקומען מיט א נייע מארקעט, וויבאלד ס'איז שוין דא מארקעטס וואס זענען שוין אויפגעבויעט און גרייט פאר אייך.

די גרויסע מארקעטערס האבן שוין איינגעזען אז די ריסוירטש וואס זיי דארפן טון פאר זייער מארקעט איז שוין געמאכט געווארן דורך אנדערע. די אינטערעסט איז זייער גרויס און די וועלט איז זייער גרויס, און א זאך וואס איז אייך בייגעפאלן איז דא שוואכע אויסזיכט אז ס'איז נאכנישט בייגעפאלן פאר עמיצער אנדערש. אויך קענט איר זיין כמעט זיכער אז אויב האט איר - אדער איר ווילט אדרעסירן - א געוויסע פראבלעם, זענען דא הונדערטער און טויזנטער אנדערע מענטשן וואס האבן דעם זעלבן פראבלעם.

דערפאר בלייבט אייך איבער בלויז צו זעהן וויפיל מענטשן ס'האבן דעם פראבלעם, און וויאזוי אנדערע קאמפאניס לייזן דעם פראבלעם, און די אינפארמאציע קענט איר נוצן צו באשליסן צי עס לוינט זיך אייך אריינצוגיין אין דעם געשעפט.

לייענט קומענדיגע וואך פארשידענע ביישפילן איבער גוטע מארקעטס.

דיסקוסירט אנליין


J. Weinberger
ARCHITECTURAL TEAM
INTERIOR DESIGN SOLUTIONS
718.855.5702
718.865.0645
info@archteamonline.com
וואו איז דא פלאץ פארן נייעם ארבייטער?

דעם דרייווער'ס ווינקל

שמעלקא

קורצע באריכטן

המשך איבער די נייע פארד טעכנאלאגיעס

פארד האט ארום 2 יאר צוריק ערצייגט די MyKey טעכנאלאגיע, דאס הייסט אז מען קען פראגראמירן די שליסלען פון דעם אויטא מיט פארשידענע סעטינגס. דאס קומט בעיקר צוניץ ווען מען פארבארגט דעם אויטא פאר א צווייטן, בפרט א טאטע פאר יונגע קינדער (כנהוג ביי די גוי'אישע וועלט להבדיל, די יונגע קינדער אין די צענערלינג יארן נוצן די אויטא פון די עלטערן) קען מען אנשטעלן אויף יעדן שליסל אנדערע מנהגים, צב"ש מיט שליסל נומ. 2 קען מען נישט מאכן די ראדיא/מוזיק העכער א געוויסע לעוועל, כדי נישט אויפצואוועקן די גאנצע גאס און לאזן די ווילדע מוזיק באמבארדירן כאחד הריקים. אדער קען מען בלאקירן דעם אויטא ביי א געוויסע ספיד, צב"ש די עלטערן ווילן נישט לאזן דאס קינד פארן העכער 65 מפ"ש, קען מען דאס אנשטעלן. און נאך געוויסע סעטינגס, ווי צב"ש אז די טריטס זיך נישט אן און מען איז אויב נישט צוגעבונדן מיט די סיט בעלטס, אדער אויב גאז איז נידעריג, קומט די ווארענונג פריער ווי געווענליך, אויך קען מען מאכן אז יעדע מאל פארט מען העכער 45, 55 אדער 65 מפ"ש זאל קלינגען אין אויטא צו דערמאנען. א.א.וו.

אצינד צום יאר 2012 האט פארד צוגעלייגט נאך פונקציעס צו דעם סיסטעם, וואס אנבאלאנגט סעלפאן'ס און קאמוניקאציע דעווייסעס. ווען מען קומט אריין אינעם אויטא טוט זיך געוועגליך דער טעלעפאן גלייך קאנעקטן צו דעם Sync סיסטעם פונעם אויטא וואס האט בלוטוט, מען קען אנשטעלן א DND (Do Not Disturb) סיסטעם, אז אריינקומענדיגע טעלעפאן קאלס זאל נישטאמאל קלינגען נאר גלייך גיין צום וואויס-מעיל, און אזוי אויך קומען נישט די טעקסט מעסעזשעס אריין בשעת מען דרייווט, נאר די סיסטעם האלט דאס, און ווען מען ענדיגט דרייוון קומט דאס ערשט אריין אינעם סעלפאון.

די אלע פונקציעס קען זיין אנדערש אנגעשטעלט אויף יעדן שליסל באזונדער. אזוי קען דער טאטע פארמאגן זיין שליסל, און דער זון זיין אייגענע. דער אויטא דערקענט מיט וועלכע שליסל ער ווערט אנגעצינדן, און ער טוט עדזשאסטן די סעטינגס לויט דעם אויטאמאטיש.

*

מערערע קאמפאניס, בעיקר טייערערע, באנוצן זיך מיט א געוויסע טעכנאלאגיע וואס רופט זיך Auto Dry Brakes. די ברעיקס פון א אויטא ארבעט נישט מיטן פולן שטארקקייט בשעת עס איז נאס, ווי למשל נאך א רעגן, אדער אויב מען פארט אדורך א "פאדל" וואסער, און עס קען זיין א סכנה ווען מען כאפט נישט אז עס נעמט א לענגערע שטערעקע צו סטאפן ווי געווענליך ווען די ברעיקס זענען טרוקן.

און דא קומט די טעכנאלאגיע צונוץ, אז עס טרוקנט אויס די ברעיקס תיכף, וואס טוט רעדוצירן די טשאנסעס צו האבן אן עקסידענט ח"ו. יעצט זאגט פארד, אז זיי גייען דאס ארויפלייגן אויף אלע זייערע מאדעלן, כאטש פארד איז א "מעין-סטריעם" קאמפאני, און פראדוצירט נישט דווקא לוקסוריעזע אויטאס, אבער זיי ווילן נאכמאכן די טייערערע קאמפאניס און עס אינסטולירן אפילו אויף די ביליגערע אויטאס כדי צו רעדוצירן עקסידענטס.

*

פארד גייט ארויסגעבן אויפן קומענדיגן יאר דעם נייעם פארבעסערטן Escape טרעקל, וועלכע איז א קאמפעטישן מיט די האנדא CR-V און די טאיאטע Rav4. די יעצטיגע עסקעיפ איז גאנץ צוריקגעבליבן, און פארד וויל יעצט ארויסגעבן איינס וואס זאל זיין ממש די בעסטע אין קלאס.

איינע פון די נייע פיטשעווקעס וואס פארד גייט אריינלייגן דערין, איז אן אויטאמאטישער עפענער פאר די טראנק. דער פראבלעם איז פאר יעדן באוואוסט, מען גייט אין גראסערי, אדער אין ספרים געשעפט, מען קומט ארויס מיט אנגעשטאפטע בעגס אדער שאכטלען, און צו גיין יעצט עפענען דעם טראנק איז נישט קיין לייכטע זאך. גיי לייג אראפ די פעק און זעק, בפרט אין א רעגן אדער שניי, זוך אויף דעם שליסל, שפאר אויף, און עפן דעם טראנק! ביי א קאר איז אביסל גרינגער וויבאלד אויפן רעמאוט קי-פאב איז דא א קנעפל וואס גיט א פאפ אויף דעם טראנק. עטליכע אויטאס, בעיקר SUV און מיניוואנס, האבן לעצטנס צוגעלייגט א ענליכע פונקציע אויפן רעמאוט קאנטראל פון די מיניוואנס, וואס טוט עפענען און צומאכן דעם טראנק.



די Ford Escape

אבער פארד זאגט אז דאס איז בלויז א נחמה פורתא. וואס טוסטו אויב האסטו פארגעסן ארויסצונעמען דיין שליסל און עס ליגט אין טאש? און בכלל, די האנט איז דאך אנגעפילט מיט זאכן, צו וואס פעלט אויס נאך מיטצושלעפן דעם שליסל, על הראשונים אנו מצטערים וכו'. דעריבער קומען זיי אויף מיט א נייע פאטענט: ווען דער שליסל איז נאנט צום "עסקעיפ" (ד.ה. דער דרייווער שטייט דערנעבן) קען ער גיין צום טראנק און געבן א שטויס מיטן פוס הונטערן קאר (נישט אנרירן דעם קאר נאר אונטער דעם). די קאר וועט "דערשפירן" דעם שטויס, און עפענען דעם טראנק!

דיסקוסירט אנליין


SAVE UP TO 50% OFF YOUR NEXT HEATING BILL
Advanced Portable Infrared iHeater® Saves Money NOW... Saves Money LATER!
✓ Heats up to 1000 sq. ft. evenly for about $1 a day
✓ Safe around kids and pets
✓ Cannot start a fire
✓ FREE shipping
✓ Full factory warranty
✓ NEW low price!
Was ~~$499~~
Now Only $279 For a Limited Time
Call 1-866-497-5473
Phone lines open 7am - 11pm EST
Media Code: 6177
Shown here iHeater IH1000 Model
IH1500 Model also available (heats 1500 sq. ft.)
Strict limit of 2 iHeaters per household

בעל בית זשורנאל
ווערט ארויסגעשיקט יעדע מאנטאג צו טויזנטער היימישע ביזנעסלייט איבער די וועלט, בחנם אין כסף.

בעל בית און פארמאט צו פרינט
אוועליבל פאר מעמבערס

פריערדיגע אויסגאבעס
אוועליבל פאר מעמבערס

צו ווערן א מעמבער
קאסט יעצט בלויז $25 א יאר. עס האט נאך פארשידענע בענעפיטן. פאר מער פרטים און צו ווערן א מעמבער, זע לינק.
www.balboos.com/content/membership

קאמענטארן און פארום סיסטעם
מיר האלטן אן לעת עתה סיי די קאמענטארן סיסטעם אויף די וועב זייטל און סיי די פארום, ווייל מיר האלטן אז עס איז א שאד אנצופילן די פארום מיט בלויז א קורצע קאמענטאר אויף א ארטיקל.

אויב איר טרעפט א ארטיקל וואס ברענגט אויף א נושא וואס איז ווערט צו דיסקוסירן קען מען עפענען א נושא דערוועגן אין די פארום און מען זאל לייגן א לינק אין א קאמענטאר אויף יענע ארטיקל, אז מענטשן זאלן וויסן אז עס איז דא א שמועס דערוועגן אין די פארום'ס.

אינטערוויו און באשרייבונגען
מיר געבן די געלעגנהייט אין די פארום פון א אינטערוויו אדער א ארטיקל, פאר היימישע ביזנעסלייט זיך פארצושטעלן פארן ציבור, אראפלייגן וואו זיי קענען צוגעבן אדער ארויסהעלפן דעם עולם, אויף א פראפעסיאנאלע אופן.

אויב זענט איר אינטערעסירט פארשטעלן אדער באשרייבן אייער ביזנעס אין די בעל בית פארבינדט אייך מיט אונז אויף אימעיל.

אדווערטייזמענט
א אדווערטייזמענט אין בעל בית ווערט געזען דורך טויזנטער היימישע ביזנעסלייט דורך די וואך. אדווערטייזערס אין בעל בית זעהן זייער גוטע רעזולטאטן. (רעפערענצן וועלן געגעבן ווערן אויף פארלאנג).

ביטע רופט (די נומער איז בלויז פאר אדווערטייזמענטן)
(347) 469-1885
אדער אין אימעיל
ads@balboos.com

בקשה
מיר שטעלן אייך צו די בעל בית גענצליך בחנם, מיר בעטן פון אייך בלויז איין זאך, ביטע שיקט אויף די בעל בית צו אלע אייערע פריינט, מוטיגט זיי זיך צו סובסקרייבן, זיי וועלן אייך זיכער דאנקבאר זיין. און אזוי וועט איר אי"ה קענען ווייטער געניסן דערפון בחנם.

***

מיר זענען ווילינג אנצונעמען ארטיקלען און קאלומס געשריבן דורך לייענער. אויב איר ווילט שרייבן וועגן סיי וואספארא נושא, ביטע פארבינדט אייך מיט אונז אויף אימעיל.
mail@balboos.com